**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס ברענגען קלאגעס צו צוריקברענגען 73 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הייוועי געלטער פאר ניו יארק**

***ניו יארק שטעלט זיך ארויס קעגן טראמפ אדמיניסטראציע'ס אנולירונג פון קריטישע אינפראסטרוקטור פינאנצירונג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און ניו יארק אטוירני גענעראל Letitia James (לאטישע דזשעימס) האבן היינט געברענגט קלאגעס צו בלאקירן די פעדעראלע רעגירונג'ס אומגעזעצליכע אנולירונג פון מער פון 73 מיליאן דאלאר אין הייוועי פינאנצירונג פאר ניו יארק. פארגאנגענע וואך, די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) האט געמאלדן אז עס וועט צוריקהאלטן פינאנצירונג נאך ניו יארק האט אפגעזאגט DOT'ס פארלאנגען צו מבטל זיין געוויסע דרייווער'ס לייסענסעס, אלע פון וועלכע זענען געווארן ארויסגעגעבן אין גענצליכע איינקלאנג מיט סטעיט and פעדעראלע רעגולאציעס. גאווערנער Hochul (האקול) און אטערני גענעראל James (דשעימס) קלאגן אז די פינאנצירונג שריט איז אומלעגאל און לייגט ניו יארקער אינטער ריזיקע, און טוט זוכן צו צוריק שטעלן די פולע פינאצירונג צו די סטעיט.

"ווידעראמאל איז ניו יארק אויסגעשטעלט צו קאטאסטראפישע פעדעראלע שניטן פאר גארנישט מער ווי פאליטישע נקמה. דא איז די ווארהייט: ניו יארק האט אייביג געפאלגט פעדעראלע רעגולאציעס ווען ארויסגעבענדיג CDL'ס, עפעס וואס אפילו די פריערדיגע Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע האט פעסטגעשטעלט יאר נאך יאר," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אוועקרייסן געלט וועלכע גייט צו קריטישע זיכערהייט פארבעסערונגען אויף אונזער גאסן איז ווילד און איז אומלעגאל. שטייענדיג מיט אטערני גענעראל James (דשעימס), וועלן מיר קעמפן - און געווינען - אין געריכט צו צוריקשטעלן די פינאנצירונג און פארזיכערן אז אונזער גאסן זענען פארזיכערט פאר די מיליאנער ניו יארקער וועלכע פארלאזן זיך דערויף."

**ניו יארק סטעיט אטערני גענעראל Letitia James (לעטישע דשעימס) האט געזאגט,** "ניו יארקער פארלאזן זיך אויף פארזיכערטע, פאראנטווארטליכע גאסן און בריקן צו אנקומען צו די ארבעט, נעמען זייער קינדער אין שולע און האלטן אונזער עקאנאמיע זיך רוקן. די אדמיניסטראציע קען נישט צוזאגן פינאנצירונג פאר אונזער סטעיט און דערנאך עס פלוצלינג עס אוועקרייסן. דורך אפרופן די פינאנצירונג, די פעדעראלע רעגירונג לייגט דשאבס און געמיינדעס אינטער ריזיקע. ניו יארקער פארלאזן זיך אויף די אינוועסטירונגען, און מיר וועל נישט לאזן די פרעזידענט שטעלן אונזער געמיינדע'ס זיכערהייט אין געפאר. מיין אפיס נעמט די אדמיניסטראציע אין געריכט צו פארזיכערן ניו יארק באקומט יעדעס דאלאר עס קומט זיך איר."

פאר חדשים, DOT האט פראבירט צו לייגן דרוק אויף ניו יארק צו מבטל זיין געוויסע געזעצליך-ארויסגעגעבענע קאמערציאלע דרייווערס לייסענסעס (CDLs) געהאלטן דורך געוויסע נישט-בירגער דרייווער. אויף אפריל 16, האט די אגענטור געמאלדן עס וועט אפשטעלן מער ווי 73.5 מיליאן דאלאר אין

פעדעראלע הייוועי פינאנצירונג שוין באשטעטיגט פאר ניו יארק און האט געסטראשעט צו צוריקהאלטן יערליך נאך 147 מיליאן דאלאר אין צוקונפטיגע יארן. ניו יארק געט ארויס CDL'ס אין איינקלאנג מיט סטעיט און פעדעראלע פארלאנגען; אלע דרייווער דארפן האבן לעגאלע אימיגראציע סטאטוס און נאכקומען שטרענגע פארהערן און זיכערהייט סטאנדארטן צו קוואליפיצירן פאר א CDL. מבטל זיין די לייסענסעס וועט צושטערן שליסל אינדוסטריעס וועלכע פארלאזן זיך אויף קאמערציאלע דרייווער און קען פירן צו א מאנגל אין באס דרייווער וועלכע וועט ווירקן אויף שולעס און פאמיליעס.

אטערני גענעראל James (דשעימס) קלאגט אז די DOT'ס שריט איז אומגעזעצליך און באזירט אויף א נייע, אומגעשטיצטע אפטייטש פון איר אייגענע אלטגעזעצענע רעגולאציעס. פאר יארן, האט ניו יארק ארויסגעגעבן CDL'ס אין פולע איינקלאנג מיט פעדעראלע געזעץ, ווי באשטעטיגט אין DOT'ס אייגענע איבערזיכטן. אטערני גענעראל James (דשעימס) זאגט אז DOT'ס פלוצימדיגע טויש איז ארביטראר און קאפריזיש, שטייגט איבער די אגענטור'ס אויטאריטעט און טוט אומגעזצליך פראבירן צו צווינגען ניו יארק צו מבטל זיין טויזענטער וואליד ארויסגעגעבענע לייסענסעס דורך סטראשענען קריטישע פינאנצירונג.

ניו יארק'ס הייוועי פינאנצירונג ווערט צוגעגעבן דורך פעדעראלע פראגראמען אוועקגעשטעלט דורך קאנגרעס צו שטיצן שאסיי פארוואלטונג, זיכערהייט פארבעסערונגען און אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען. פארלירן די פינאנצירונג קען אפהאלטן אדער מבטל זיין קריטישע טראנספארטאציע פראיעקטן, פארמערן קאסטן און שעדיגען לאקאלע געמיינדעס איבער די סטעיט.

פעדעראלע געזעץ פאראדערנט אז יעדער פאדערונג צו ענדגילטיגע אגענטור באשלוסן פון DOT דארף ווערן אריינגעגעבן אין א פאראייניגטע שטאטן סירקיט געריכט. אטערני גענעראל James (דשעימס) האט היינט אריינגעגעבן א פעטיציע אין די פאראייניגטע שטאטן געריכט פאר אפיעלס פאר די צווייטע סירקיט, בעטענדיג די געריכט צו איבערדרייען DOT'ס באשלוס און צוריקשטעלן די פינאנצירונג צו ניו יארק. גאווערנער Hochul (האקול) און אטערני גענעראל James (דשעימס) וועלן אויך אריינגעבן א מאושען צו פארשנעלערן די קעיס צו פארזיכערן א באשלוס פאר די פינאנצירונג ווערט אפגעשטעלט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן